**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט $97.7 מיליאן צו שטיצן פארבעסערונגען פון אנדערע טראנספארטאציע אפציעס אין לאקאלע קאמיוניטיס

***געלטער שטיצן בוי-ארבעט פון נייע סיידוואקס, געטיילטע באנוץ וועגן, באס שעלטערס און אנדערע פארשריט צו שאפן רייזע מעטאדן וואס זענען פרידליך צום סביבה***

***פראיעקטן ריקן פאראויס ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט צילן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגערופן אז $97.7 מיליאן אין געלטער איז היינט באלוינט געווארן צו מער ווי 30 קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט פאר פראיעקטן וואס שטיצן אנדערע סארט רייזע מעטאדן וואס זענען פרידליך צום סביבה, אזוויו גיין, פארן מיט א בייק, אדער רייזן מאסן טראנזיט. די געלטער וועלן שטיצן איניציאטיוון וואס פארבעסערן צוטריט צו די טראנספארטאציע סיסטאם פאר אלע באנוצער און פאראויסריקן ניו יארק סטעיט'ס פאלק-פירנדע אגענדע צו באקעמפן קלימאט טוישונגען דורכ'ן בויען נייע סיידוואקס, געטיילטע באנוץ וועגן און אנדערע פארשריטן וואס שטופן די באנוץ פון נאן-מאטאריזירטע רייזע מעטאדן און פארמינערן גרינהויז גאז עמישנס. די באלוינונג זענען גרייט געמאכט געווארן דורך די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע'ס טראנספארטאציע אלטערנאטיוון פראגראם (TAP) און זענען געגעבן געווארן דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע.

"זינט מיין ערשטע טאג אין אפיס, האב איך אינוועסטירט אין אויסברייטערן מאלטי-מאדעל רייזע אפציעס פאר ניו יארקער לענגאויס די סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכ'ן געבן פאר קאמיוניטיס די געצייג וואס זיי דארפן אויסצובריי‏טערן אנדערע רייזע מעטאדן, העלפן מיר פארמינערן עמישנס בשעת'ן שאפן א געזונטערע און מער בליענדע טראנספארטאציע סיסטעם וואס איז גינסטיג פאר אלע ניו יארקער."

די טראנספארטאציע אלטערנאטיווע פראגראם לייגט א דגש אויף טראנספארטאציע פארבינדענע פראיעקטן וועלכע געבן אינפרעסטרוקטור צו פארבעסערן סיידוואקס, פוסגייער און ביציקל זיכערהייט, פארשריטן אין צוטריט צו פאבליק טראנספארטאציע, זיכערע וועגן צו סקולס פאר שולערס און זייערע עלטערן, און די שאפונג פון טרעילוועי נעטווארקס.

די $97.7 מיליאן אין TAP באלוינונגען זענען אויסגעטיילט געווארן דורכאויס די סטעיט צו 13 עקסטערע שטעטלעך, 10 דערפער, פינף סיטיס, און צוויי קאונטיס, צווישן אנדערע. די סארטן פראיעקטן זענען צוטיילט געווארן אין פיר קאטעגאריעס:

- **$57.8 מיליאן צו פארבעסערן סיידוואקס, פיסגייער און ביציקל זיכערהייט**
  די באלוינונגען וועלן ערלויבן בוי-ארבעט פארשריט פראיעקטן צו העלפן שאפן סיידוואקס וואס

שטעלן זיך צו צו ADA, פארבינדען אקטיוויטעט צענטערס און קאמיוניטיס פאר פיסגייער, און פארבעסערן ביציקל זיכערהייט אויף לאקאלע שאסייען.

- **$21.2 מיליאן צו שאפן און אויסברייטערן טרעילוועי נעטווארקס**
  די באלוינונגען וועלן העלפן איבערבויען געטיילטע באנוץ וועגן און פארבעסערן טרעיל פארבינדונגען און אינפעסטרוקטור פאר פיסגייער און ביציקלען און פארבעסערן די אלגעמיינע זיכערהייט פון טרעילוועי אפציעס.
- **$17.3 מיליאן צו געבן פארזיכערטע וועגן צו סקולס**
  די באלוינונגען וועלן אויסברייטערן די נומער פון פארזיכערטע וועגן צו סקולס צו שאפן א מער פארזיכערטע, געזונטערע, און מער צוטריטפולע סביבה פאר קינדער, פאמיליעס, און אנדערע פיסגייער.
- **$1.3 מיליאן פאר באס שעלטערס און טראנזיט פארשריטן**
  די באלוינונגען וועלן העלפן בויען באס שעלטערס צו פארמערן מאביליטי אפציעס און פארבעסערן צוטריט צו טראנספארטאציע פאר פיסגייער.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע קאמישענער מערי טעריס דאמינגאז האט געזאגט,** "די אינוועסטמענטס אין אנדערע סארט טראנספארטאציע פראיעקטן זענען נאך א ביישפיל פון גאווערנער קעטי האקול'ס באשלוס צו שאפן א מער שטאנדהאפטיגע און אנהאלטנדע טראנספארטאציע אינפעסטרוקטור וואס ברענגט צוזאם קאמיוניטיס און באשיצט אונזער סביבה פאר די קומענדיגע דורות. די פראיעקטן וועלן שאפן קאמיוניטיס וואס גייען מער און פארן מער אויף ביציקלעך לענגאויס ניו יארק סטעיט און ערלויבן מער מענטשן אויסצונוצן אנדערע רייזע מעטאדן, וועלכע וועט העלפן פארמינערן גרינהויז גאז עמישנס און פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט פאר אלע ניו יארקער."

**סענעט מערהייט פירער טשאק שוממער האט געזאגט,** "מאכטס ענק גרייט, ניו יארק, ווייל אדאנק די פעדעראלע דאלארן וואס איך האב איבערגעגעבן דורך די בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור און פאסטנס געזעץ וועלן מיר האבן א ביציקלען, גיין, און שפאצירן דורכברוך! די גלטעטער מיינט מער פארזיכערטע גאסן פאר פיסגייער אין ראטשעסטער און יוטיקע, בעסערע סיידוואקס אין סיטיס אזוויי סירעקאוז לענגאויס די אינגער הארבער און אונזערע דארפישע קאמיוניטיס אזוויי לאנג לעיק און פארבעסערן אונזערע שפאצירן טרעילס דורכאויס אפסטעיט NY. איך בין שטאלץ צו האבן אויסגעפלאסטערט די וועגן פאר די געוואלדיגע אינוועסטמענטס אין גרינוועגן, ביציקלען וועגן און גיין וועגן און אויסגעברייטערטע טראנספארטאציע אינפעסטרוקטור צו האלטן אין איין ארייננפירן אפסטעיט ניו יארק צו א ריינערע, געזונטערע, און מער צוטריטפולע צוקומפט."

**פארשטייער יוסף מארעל האט געזאגט,** "פאר יעדע מענטש קומט זיך צו האבן א פארזיכערטע, צוגענגליכע טראנספארטאציע צו וואס ער האט צוטריט אין זייער קאמיוניטי - דאס רעכנט אריין מאטאריסטן און פיסגייער צוגלייך. די אינוועסטמענטס אין ראטשעסטער וועט העלפן פארמינערן טראפיק אנלייגעניש, פארמערן פיסגייער זיכערהייט, און צוגעבן צו אן אלגעמיינע בעסערע רייזע איבערלעבעניש. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און אנגייענדע ארבעט צו שטיצן אנהאלטנדע און פארזיכערטע טראנספארטאציע אין אונזער קאמיוניטי, און איך קוק פאראויס ווייטער צו ארבעטן אינאיינעם."

**סטעיט סעניטער דשערעמי קוני האט געזאגט,** "טראנספארטאציע איז אזויפיל מער ווי סתם קארס אויפ'ן שאסיי. אינוועסטירן אין פאבליק טראנספארטאציע מיינט אינוועסטירן אין ריינערע קאמיוניטיס מיט בעסערע טראנספארטאציע אפציעס. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר'ן אנערקענען די געברויך פאר די אינוועסטמענטס און פאר'ן פריאטעראזירן די געזונטהייט פון אונזער סביבה און די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער."

**אססעמבלימעמבער וויליאם מאגנארעלי האט געזאגט,** "די $7.9 מיליאן אינוועסטירט אין צענטראל ניו יארק דורך די גאווערנער'ס אפיס וועט העלפן שאפן קאמיוניטיס וואס גייען מער און פארן מער אויף ביציקלעך, בשעת'ן אויך אדרעסירן פארערכטונגען געדארפט אויף די שאסייען. די אינוועסטמענטס אין טראנספארטאציע אינפעסטרוקטור פארבעסערט קאמיוניטיס און שאפט געלעגנהייטן צו פארמינערן גרינהויז גאז עמישנס דורך געזונטערע טראנספארטאציע אפציעס."

פראיעקטן זענען אויסגעוועלט געווארן דורך א פארמעסטנדע אויסרופונג פראצעדור און געמאסטן לויט אן אוועקגעשטעלטע פארלארג ליסטע וואס האט ענטהאלטעט פאבליק בענעפיט, לופט קוואליטעט פארבעסערונגען, קאסטן-פאטענציאל, און מיטארבעטונג. פראיעקטן מוזן זיין פארבינדן מיט טראנספארטאציע סיסטעמען אויפן ערד און צושטעלן פולשטענדיגע צוטריט צו די פובליק. די TAP פראיעקט באלוינט מיט א סך הכל פון נישט ווייניגער ווי $500,000 און נישט מער ווי $5 מיליאן פאר יעדע איינציגסטע פראיעקט. NYSDOT וועט צושטעלן ביז 80 פראצענט פון די סך הכל קאסטן פון דעם בארעכטיגטן פראיעקט, מיט א מינימום פון 20 פראצענט 'מעטשינג פאַנדס' געברענגט דורך די ספאנסאר פון דעם פראיעקט. בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן קענען אריינרעכענען פלאנירונג, דעזיין/אינדזשענירונג סערוויסעס, פארשאפונג פון נויטיגע פערמיטס, קאנסטרוקציע און קאנסטרוקציע אינספעקציע.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
גאווערנער האקול'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע איז די מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף אן אופן וואס שאפט נייע דזשאבס און שטיצט ווייטער א גרינע עקאנאמיע. מיטן דורכפירן די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA), האט זיך ניו יארק אוועקגעשטעלט אויף די ריכטונג צו ערררייכן אירע ציהלן וועלכע זענען פארלאנגט געווארן אין דעם געזעץ צו האבן אן עלעקטריציטעט אינדוסטריע פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קארבאן-נייטראלע עקאנאמיע. עס בויט ארויף אויף ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אויפשטייג פון ריינע ענערגיע און די איבער 150,000 נייע דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע אינדוסטריע. ניו יארק וועט ארויפבויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט נאכקומען א ציהל צו זעהן אז 40 פראצענט פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו שוואכערע קאמיוניטיס און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן אויפן-ארטיגע ענערגיע באנוץ מיט 185 טריליאן BTU'ס אין איינגעשפארטע ענערגיע ביי די באניצער. די CLCPA סקאופינג פלאן גיבט די פלאן אויף וויאזוי ניו יארק סטעיט וועט פארמינערן גרינהויז גאז עמישנס אין אלע חלקים, אריינגערעכנט די טראנספארטאציע חלק, פארמערן באנייענדע ענערגיע באנוץ, און פארזיכערן אז אלע קאמיוניס קענען גלייכערהייט נהנה זיין פון די ריינע ענערגיע אריבערגאנג.

**<u>TAP באלוינטע פראיעקטן:</u>**

**קאפיטאל ראיאן - $4.3 מיליאן**

- $1,481,600 צו די ווילעדש אוו אלטעמאנט פאר סיידוואק אינסטולאציע און פארשריט אויף מעיפל אוויניו און באזענקיל ראוד.
- $1,626,720 צו די טאון אוו מאלטא פאר א פיסגייער און ביציקל וועג לענגאויס רוט 9.
- $1,193,187 צו די טאון אוו נארט גרינבוש פאר סיידוואק בוי-ארבעט אויף U.S. רוט 4.

**צענטראל ניו יארק - $7.9 מיליאן**

- $803,898 צו די ווילעדש און סאלוועי פאר עמפייער סטעיט טרעיל פארשריטן ווי אויך פאררעכטונגן אויף בעלע אייל ראוד.
- $3,146,400 צו די סיטי און סירעקאוז סיידוואק פארשריטן אויף די אינגער הארבער געגנט.
- $3,944,000 צו די סיטי און סירעקאוז פאר די בוי-ארבעט פון א פיזיש צוטייליטע געטיילטע באנוץ וועג אויף די וועסט סייד טרעיל.

**פינגער לעיקס - $10.3 מיליאן**

- $1,153,534 צו די סיטי און באטאוויע צו אינסטולירן סיידוואק וואס פארבינדט די דשעקסאן סטריט עלעמענטערי שולע מיט באטאוויע מיטל סקול.
- $3,475,945 צו די טאון און ליוואניע פאר די בוי-ארבעט און צוגאב פון סיידוואקס אויף ביג טרי ראוד.
- $679,511 צו די קאונטי און מאנרא פאר די בוי-ארבעט פון א מאביל טראפיק זיכערהייט פאסיליטעיט צו מוטיגן באטייליגונג אין סעיף רוטס צו סקול.
- $3,970,400 צו די סיטי און ראטשעסטער פאר טראפיק בארואיגונג און פיסגייער זיכערהייט ביי 12 פריאריטעט אינטערסעקשנס.
- $1,090,557 צו די טאון און יארק פאר סיידוואקס, מיד-קראסינגס, שולדוח, אוןביימער פלאנצונגען וואס זענען קעגן די אינטערסעקשן פון סטעיר רוטס 63 און 36.

**לאנג איילענד - $6.9 מיליאן**

- $4,028,800 צו די ווילעדש און גארדען סיטי צו בויען אדער איבערבויען פיסגייער צוימען רעמפס זיך צוצושטעלן צו ADA סטאנדארטן ביי געצילטע לאקאציעס.
- $2,947,840 צו די טאון און סאוטהעמפסאן פארבעסערן פיסגייער אינפעסטרוקטור לענגאויס א צוויי-מייל טייל פון נייעק ראוד.

**מיד-האדסאן - $28.5 מיליאן**

- $1,088,499 צו די טאון און קראופארד אוועקצונעמען און צו ערזעצן סיידוואקס און קראסוואקס אויסצופאלגן אלע ADA פארלאנגען אויף סטעיט רוט 52 און סעיבאלט לעין.
- $3,859,742 צו די טאון און גרינבערג פאר פיסגייער פארבעסערונגען ארייננגערעכנט סיידוואקס, רעמפס, און קראסוואקס, לענגאויס אלד ארמי ראוד.
- $2,341,220 צו די טאון און גרינבערג פאר סיידוואק בוי-ארבעט אויף סטעיט רוט A100 צווישן נאלוואד שאפינג צענטער און גרינבערג העלט צענטער.
- $1,472,000 צו די ווילעדש און העסטינגס-אויף-האדסאן צו בויען נייע סיידוואק טיילן אויף ראסעדעיל עווניו, צולייגן אפלויף טאנקען, און אויפלעבן די שטיגן וואס פארבינדט ראסעדעיל עווניו צו העמלטאן עווניו דורך פרעסקאט פלעיס.
- $1,224,480 צו די טאון און מאמעראנעק פאר פארשריטן צו קאלאניעל עווניו צו געבן א פארזיכערטע רוט פאר עלעמענטערי שולע קינדער און עלטערן.
- $5,000,000 צו די טאון און ניו קעסל פאר אן אפף-ראוד פילע-באנוץ טרעיל (ChapLine) פארבינדנדיג טשאפאקווא קראססינג צו א ביציקל אפלאדענונג אויף טשעסטנאט אוקס.
- $1,600,000 צו די ווילעדש און רייגבעק פאר זיכערהייט פארשריטן און טרעיל פארבינדונגען פאר באנוצער פון אלע מעגליכקייטן.

- $3,878,789 צו דיווילעדש אוו סליפי האלאו פאר די אינסטולאציע און בוי-ארבעט פון סיידוואקס, צוימען, רעמפס, און היסטארישע שולדן פון די פאבליק באזוכער צענטער צו דעוואריס פארק.
- $1,715,270 צו די ווילעדש אוו וועסלי הילס פאר די אינסטולאציע פון סיידוואקס וואס שטעלן זיך צו צו ADA פראטאקאלן פון ווילאו ראוד ביז לײם קילן ראוד.
- $5,000,000 צו די סיטי אוו יאנקערס פאר'ן אינגאנצן איבערמאכן סאוט בראדוועי, איבערלייגן סיידוואקס, אויספלאסטערן שאסייען, אינסטולירן נייע לעקטערס און ביימער, און שאפן נייע ביציקל לעינס.
- $1,361,120 צו די ראקלענד קאונטי הייוועי דעפארטמענט צו פארבעסערן פיסגייער און ביציקלער זיכערהייט ביי א וויכטיגע אינטערסעקשן אין די טאון אוו סטאוני פוינט.

**מאהאוק וואלי - $6.7 מיליאן**

- $1,498,624 צו די טאון אוו קורקלאנד צו בויען א פיסגייער בריק, צוויי טרעילהעדס מיט פארקינג, און א 10-פיס ברייטע, 4,600-פיס אונטערסעקשן פון די געפלאנטע פאזע 2 פון די קורקלענד טרעיל.
- $4,613,276 צו די סיטי אוו יוטיקע - ענדשענערינג דעפארטמענט פאר די בוי-ארבעט פון זיבן בלאקס פון נייע פיסגייער און ביציקלער אינפעסטרוקטור, פארמינערנדיג בראוד סטריט פון פיר צו צוויי לעינס צו קענען אקאמאדירן ביציקל לעינס, צענטער מידיענס, און פילע-באנוץ סיידוואקס.
- $589,760 צו די קאפיטאל דיסטריקט טראנספארטאציע אויטאריטעט אויסצושטעלן און צו בויען אן אינטערסעקשן פארבעסערונג אין אמסטערדאם בעסער צו קענען קאנטראלירן זיכערהייט און צוטריט צו טראנספארטאציע.

**ניו יאָרק סיטי - $5 מיליאן**

- $5,000,000 צו די ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע אויף זיכערהייט פארבעסערונגען נעבן זעקס שולעס אין אומגינסטיגע קאמיוניטיס.

**נארט קאונטי - $3.1 מיליאן**

- $1,192,458 צו די טאון אוו לאנג לעיק פאר'ן בויען און איבערלייגן סיידוואקס לענגאויס מעין סטריט.
- $1,948,000 צו די קלינטאן קאונטי פלעננינג דעפארטמענט פאר'ן איבערבויען און אויפלעבן די קיסוויל סווינג בריק צו פרעזערווירן א היסטארישע טראנספארטאציע סטרוקטור וואס גיבט א פיסגייער וועג איבער די אוסעיבל ריווער.

**סאדערן טעיר - $7.9 מיליאן**

- $4,112,000 צו די ווילעדש אוו דריידען צו בויען נייע סיידוואקס לענגאויס מאטט ראוד, נארט ראוד, סטעיט רוט 13, ענטערפרייס דרייוו, עליס דרייוו, פריוויל ראוד נעבן די דריידען מיטל און הויך שולעס, און יוניען סטריט נעבן די עלעמענטערי שולע.
- $1,146,400 צו די טאון אוו איטעקע צו בויען א פילע-באנוץ טרעיל און לעקטערס לענגאויס עיסט שאור דרייוו פון די אינטערסעקשן מיט קאיאגע סטריט צו די אינטערסעקשן מיט דשעימס ל. גיבס דרייוו.
- $2,656,000 צו די ווילעדש אוו טרומענסבערג צו בויען א נייע סיידוואק סיסטעם לענגאויס מעין סטריט נעבן די טרומענסבערג צענטרעל סקול דיסטריקט.

**וועסטערן ניו יארק - $16.8 מיליאן**

- $2,785,194 צו די טאון אוו האמבורג פאר א נייע פולשטענדיגע פילע-מאדעל סיסטעם אריינגערעכנט די בוי-ארבעט פון נייע סיידוואקס, ביציקל לעינס, און אריבערגאנגס ערטער לענגאויס סאוט פארק אוויניו.
- $3,392,800 צו די ווילעדש אוו לענקעסטער אנצופולן די לעכער אין די פיסגייער און ביציקל נעטווארק לענגאויס צענטרעל אוויניו.
- $5,000,000 צו די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו פארקס, פארוויילונגס און היסטארישע פרעזערוואציע צו איבערמאכן און פאררעכטן קאלווערטס לענגאויס זיבן מייל פון טרעיל פון סטעיט רוט 5, דרום צו די יארק לענדינג פארקינג לאט.
- $5,000,000 צו די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו פארקס, פארוויילונגס, און היסטארישע פרעזערוואציע צו בויען און פארבעסערן קאלווערטס אין וויכטיגע אפפליס לאקאציעס קעגן די סטעיט רוט A19/19 און בויען אן אנגייענדע טרעיל אין טיילן וואס מען האט פריער פארלוירן.
- $695,767 צו די סענעקע נעישן אוו אינדיענס צו בויען זעקס באס שעלטערס אויף די צוויי סענעקע נעישן'ס באוואוינטע געגנטער: די אלעגאני און קאטאראוגאס געגנטער.

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**
עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע צו געבן א פארזיכערטע, פארלעסליכע, גלייכע, און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, פארבעסערט דאס לעבנס-קוואליטעט, באשיצט די סביבה, און שטיצט די עקענאמישע געזונטהייט פון ניו יארק סטעיט.

די רעדע איז איבער לעבנס, פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייוועי ארבעטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן